בעזהשי״ת


# קול דמי אחיך צועקים

גליון ב׳

ערש״ק כי תצא תשס״ג


## מה ה׳ אלקיך שואל מעמך

מיר האלטן אינגאנצן צוויי וואכן נאך די ביטערע טראגעדיע וואס האט באטראפן כלל ישראל ווען איבער צוואנציג נפשות יקרות מישראל זענען אומגעקומען באופן נורא און הונדערטער אנדערע זענען שווער פראוואונדעט געווארן בגוף ובנפש, אבער צום באדויערן הייבט מען שוין אן ציביסלעך דאס צו פארגעסן, מען גייט צוריק צום געוועזענעם סדר היום אן קיין ריכטיגן התבוננות, ומפטירין כדאתמול.

דער הייליגער רמב״ם אין הל׳ תענית (פ״א ה״ב) שרייבט בזה״ל: ודבר זה מדרכי התשובה הוא, שבזמן שתבוא צרה ויזעקו עליה ויריעו ידעו הכל שבגלל מעשיהם הרעים הורע להן, ככתוב עונותיכם הטו וגו׳, וזה הוא שיגרום להסיר הצרה מעליהם. אבל אם לא יזעקו ולא יריעו אלא יאמרו דבר זה ממנהג העולם אירע לנו וצרה זה נקרה נקרית, הרי זה דרך אכזריות וגורמת להם להדבק במעשיהם הרעים, ותוסיף הצרה צרות אחרות, הוא שכתוב בתורה: והלכתם עמי בקרי והלכתי גם אני עמכם בחמת קרי, כלומר כשאביא עליכם צרה כדי שתשובו אם תאמרו שהוא קרי אוסיף לכם חמת אותו קרי, ע״כ.

זאגט דא דער הייליגער רמב״ם אז ח״ו אויב עס קומט א צרה אויף יודן, דארף מען צו וויסן אז דאס קומט אונז וועגן אונזערע שלעכטע מעשים, און מען דארף תשובה טון, און דאס וועט גורם זיין אז די צרה זאל זיך אפטון, אבער אויב מען טוט נישט קיין תשובה און מען זאגט אז דאס איז נאר געווען א מקרה, איז דאס אכזריות, ווייל דאס איז גורם אז השי״ת זאל ח״ו שיקן מער צרות רח״ל.

טייערע יודן! לאמיר נישט זיין קיין אכזרים אויף זיך אליין, לאמיר זיך מתבונן זיין על מה עשה ה׳ ככה, וואס וויל דער רבש״ע פון אונז.

די גמרא זאגט אין כתובות (קיא:) שלש שבועות השביע הקב״ה את ישראל שלא יעלו בחומה ושלא ידחקו את הקץ ולא ימרדו באומות העולם. דריי שבועות האט הקב״ה באשוואוירן די יודן אין גלות, 1) מען זאל נישט ארויף גיין קיין אר״י מיט כח, 2) מען זאל נישט דוחק זיין דעם זמן הקץ, 3) מען זאל נישט ווידערשפעניגן אין די אומות העולם, און דער אויבערשטער האט אנגעווארנט די יודן אם אתם מקיימים את השבועות מוטב, ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, אויב וועט מען מקיים זיין די שבועות וועט זיין גוט פאר יודן, און אויב נישט וועט ח״ו זיין אונזער פלייש הפקר אזוי ווי די הערשן און אינדען פון פעלד, רח״ל.

פאר ארום הונדערט יאר צוריק האבן זיך צוזאמענגענומען א באנדע כופרים מזרע ישראל און אנגעהויבן צו טון פעולות מורד צו זיין אין באשעפער, און אינעם גזירת הגלות, און עובר זיין אויף אט די דריי שבועות, און ליידער זינט דאן גיסט זיך טאקע יודיש בלוט ווי וואסער אן אויפהער, ווי צדיקים האבן עדות געזאגט אז אויך די הריגות פון די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען צוליב זיי, ערליכע יודן האבן אלץ געציטערט פון דעם מורא׳דיגן חרון אף און עונש וואס זיי ברענגען ר״ל אויף כלל ישראל ה״י, און ליידער יעצט האט דאס ווידער געקאסט די טייערע פרייז פון איבער צוואנציג טייערע יודישע קרבנות.

ליידער אנשטאט איינצוזען דעם ביטערן סכנה בגשמיות וברוחניות וואס זיי האבן געברענגט אויפן כלל ישראל, און אויסשפייען זיי מיט זייערע געדאנקען מקרב בית ישראל, האבן זיך ליידער רוב מנין ורוב בנין פון כלל ישראל צוגעשטעלט צו זיי, למחצה לשליש ולרביע, און אפילו די וואס רופן זיך אז זיי זענען נישט קיין ציונים זענען אבער ליידער אויך דא אזעלעכע וואס האבן אויך אנגענומען דעם עיקר געדאנק פון ציונות, פון נישט וועלן מקבל זיין דעם עול הגלות, וואס דאס איז דער עיקר יסוד פון די ציוניסטישע כפירה רח״ל.

די פסוק זאגט ״כה אמר ה׳ זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרוע״, יודן זענען געגאנגען אין מדבר אריין אן קיין חשבון פון וואס צו לעבן אן ברויט און וואסער, נאר מיט געטריישאפט צו השי״ת און אמונה אז ווי אזוי השי״ת פירט איז צום גוטן.

צוויי טויזנט יאר זענען שוין יודן אין גלות, אין די אלע יארן האבן זיך יודן געלאזט הרגענען און נישט מורד געווען אין די גוים, ווייל זיי זענען געווען געטריי צו השי״ת און האבן געהאט אמונה אז השי״ת פירט זיי און היט זיי און די אלע צרות איז נאר לטובתם, זיי האבן געגלייבט און געוואוסט אז זיי זענען נישט הפקר ח״ו, חז״ל זאגן אז יודן זענען געגליכן צו א ״שה אחת בין שבעים זאבים, וגדול הרועה השומרן״, אז די מצב פון יודן אין גלות איז גארנישט בדרך הטבע, נאר השי״ת איז אונזער גרויסער פאסטוך וואס היט אונז.

ציונות האט אריינגעברענגט נייע געדאנקען ביי יודן, צו לייקענען אין דעם גדול הרועה השומרן, זאגענדיג ״אם אין אני לי מי לי״ דאס הייסט אז יודן זענען ח״ו הפקר פאר די גוים, מען מוז זיך באשיצן, און אויב מען וועט זיך אונטערווארפן אונטער די גוים וועלן זיי אונז ח״ו אויסהרגענען.

ליידער אט די כפירה געדאנקען קומען אלץ מער און מער אריין אפילו ביי די ״היימישע״, מען וויל זיך נישט מכניע זיין אונטער די גוים, מען טראכט אז אט די מרידה אין גלות איז אונזער שמירה און אונזער הצלה, נישט אריינטראכטנדיג אז דאס איז אונזער גרעסטער אומגליק ברוחניות ובגשמיות, וועלעכע ברענגט אויף אונז ארויף דעם מורא׳דיגן חרון אף, ווייל דאס איז דער גרעסטער מרידה און בגידה קעגן השי״ת, ווייל דאס ווייזט אז מיר פארלאזן זיך נישט און מיר גלייבן נישט אין די שמירה און הנהגה פון השי״ת.

מיר דארפן וויסן אז ווילאנג מיר וועלן זיך נישט ערוועקן פון די דערמאנונגען פון השי״ת און זיך אומקערן צו אים, ווילאנג מיר וועלן נישט תשובה טון און ארויסווארפן פון אונזערע קעפ די שרעקליכע כפירה געדאנקען וואס די ציונים האבן ביי אונז אריינגעברענגט, קענען מיר נישט ערווארטן קיין פארבעסערונג אין אונזער מצב, ווייל דער אויבערשטער האט אונז אנגעזאגט אז נאר אויב מיר וועלן מקיים זיין די שבועה און מיר וועלן זיין אונטערטעניג אונטער די גוים וועט אונז זיין גוט, אבער אויב ח״ו נישט, וועט ח״ו זיין דער געוואלדיגער עונש פון ״אני מתיר את בשרכם״.

טייערע יודן לאמיר זיך אומקערן צו השי״ת, לאמיר נישט דארפן צוקומען צו נאך עונשים ח״ו, לאמיר מקבל זיין דעם עול הגלות באהבה אויך אין ארה״ק אונטער די פאלעסטינע גוים און זיך פארזיכערן און באשיצן אין אונזער טאטן אין הימל דער אייביגער שומר ישראל.

אונזער איינציגער וועג איז שלום צו מאכן מיט השי״ת, אים גלויבן מיט א געטריישאפט, און זיך אונטער ווארפן אונטער זיין הנהגה, וואס נאר דעמאלטס וועט זיין על ישראל שלום

# הצלתינו

דברות קודש ממרן הגה"ק מ'דזיקוב זצ"ל, בספר עטרת ישועה פרשת בחוקותי

בפסוק וכשלו איש באחיו ורודף אין. ובמסורה דין, ואידך ורודף שלמונים (ישעי' א), ואידך ורודף קדים (הושע יב). **דהנה בעוה"ר ע"י השערורי' אשר נשמע כעת בין האומות לבין זרע ישראל אשר קמים עלינו לכלותנו ולגרשנו מן הארץ ד' יפר עצתם במהרה, ואומרים הפושעים והמורדים לזרע ישראל אשר טוב להיות באגודה אחת עמהם כי עי"ז יראו ויפחדו האומות מאתנו ולא נעשה בינינו פרידה. אבל האמת היא ממש בהיפך, כי כל מה שנהי' לצוותא חדא עם האפיקורסים והרעים מחללי שבת בפרהסיא, יותר יבצע הקב"ה מעשי ידי האומות ויעשו ח"ו כליון. אבל אם נהי' בד בבד שלא לבא עמהם בשום התחברות ואחוה, יתן השי"ת שתופר עצת הרשעים הקמים עלינו והמה האפיקורסים יכרעו ויפולו ואנחנו קמנו ונתעודד.** והנה פירשו בספרים על מאמרם ז"ל אוהב שלום ורודף שלום, היינו, שלכל יש עת וזמן לכל חפץ, יש זמן לאהוב את השלום, ויש זמן לרחק ולהיות רודף את השלום לבל לבוא בשלום עמהם **רק דייקא לערוך מלחמה וקרב נגד הרשעים והאפיקורסים העומדים לנגדנו,** והכל לפי העת והזמן. וזהו ורודף שלמונים, היינו, שצריך לפעמים לרדוף את השלום שלא יהי'. ובאיזה אנשים אמרתי זאת, באותן שהמה ורודף קדים, היינו, שנקראים בשם רודפי קדימה ההולכים קדם לפי רוח הזמן. ועי"ז ורודף אין, היינו, **שלא יהי' בכח האומות לרדוף אותנו,** רק באופן וכשלו איש באחיו שלא לישא פנים לשום אדם, כמו שהיתה הגזירה בשעת העגל הרגו איש את אחיו ואיש את רעהו ואיש את קרובו, שלא לחוס עין איש על אחיו ועל קרובו אם המה מרודפי קדים ר"ל, **וצריך לשרש אחריהם כמו בעבודה זרה ממש, ועי"ז נזכה לישב בהשקט ושאנן ואין מחריד.**

# חכמת מצרים

**שטייט אין מדרש אז ביי די מכה פון צפרדע האט השי"ת געשיקט אויף מצרים א גרויסן פראש, די מצריים וועלנדיג דערהרגענען דעם פראש האבן זיך גענומען דאס שלאגן, האט השי"ת געמאכט א נס אז מיט יעדן קלאפ וואס מען האט געשלאגן האט עס ארויסגעגעבן נאך הונדערטער פרעש, ביז גאנץ מצרים איז פול געווארן מיט זיי, ווייל מיט א גזירה פון השי"ת קען מען נישט שלאגן.**

**היינטיגע צייטן זענען מיר געבענטש געווארן מיט די זעלבע חכמים ווי די מצריים, דאס זענען די ציונום וואס פרובירן זיך צו פארמעסטן מיט די גזירות פון השי"ת, זיי האבן מורד געווען קעגן השי"ת און אראפגעווארפן פון זיך דעם עול הגלות, שיקט השי"ת אויף זיי עונשים דורך די גוים וואס זענען זיינע שליחים, ווי אין פסוק שטייט: "הוי אשור שבט אפי", אז די גוים זענען די שטעקן כביכול פון השי"ת.**

**אנשטאט זיי זאלן איינזען אז עס האט נישט קיין זין צו קעמפן קעגן השי"ת, נאר תשובה צו טון, זיך אומקערן צו השי"ת און צוריק מקבל זיין אויף זיך דעם עול הגלות, פירן זיי א קאמף קעגן די שליחים פון השי"ת, זיי הרג'נען די פירערס פון די גוים, מיינענדיג אז מיט דעם וועלן זיי אפשטעלן דעם עונש פון השי"ת. אבער וואס מער זיי הרגענען פון זיי אלץ מער פארמערן זיי זיך, ווייל מיטן גזירה פון השי"ת קען מען זיך נישט שלאגן.**

**נאך א חכמה פון די היינטיגע מצריים:**

**איינע פון די היינטיגע גרעסטע "גדולים" האט געזאגט זיין "דעת תורה" פאר איינעם פון זיינע קאלעגן פון די ציוניסטישע פירער אז מען זאל בויען א מויער צווישן די יודן און די אראבער, אזוי וועלן זיי אונז גארנישט קענען שעדיגן.**

**דא האט איר נאך א חכמה, ווי אזוי זיי ווילן זיך אויסבאהאלטן פונעם האנט פון השי"ת אונטער א מויער...**

# עצת התורה - (א)

**לאחבנ"י תושבי ארה"ק, הדרך אשר הורה לנו יעקב אבינו ע"ה, הדרך אשר הלכו בה אבותינו ורבותינו והשתדלנים בכל שנות גלותינו, כמבואר מדברי רבותינו הראשונים ואחרונים ז"ל**

וירץ לקראתו. **נהפך לבו כמו רגע** בהכנעותיו של יעקב כעניננו בגלות עם בני עשו האומר בגבהו מי יורידני ארץ והורה שנהיה נמלטים מיד חרב גאותו **בהכנעה ומנחה** כאמרם ז"ל שאהיה השילוני קלל את ישראל בקנה הנכנע לכל הרוחות הן לו עשו כן בריוני בית שני לא היה נחרב בית קדשנו כמו שהעיד רבן יוחנן בן זכאי באמרו דאית בן לא שבקינן. (ספורנו וישלח)

וכן אנחנו צריכים ללכת בדרכי האבות ולהתקין עצמינו **להקביל פניהם במנחה** ובלשון רכה ובתפלה לפני הי' יתעלה אבל במלחמה אי אפשר שנאמר השבעתי אתכם בנות ירושלים וגו' השביעם שלא להתגרות מלחמה עם האומות. (רבינו בחיי בראשית לב. ז)

ואני אתנהלה לאטי אעמוד בגלותי ושפלותי, ומלשון ויהלך אט שהוא לשון שפלות כלומר לא אעורר מלחמה ולא אתגבר בגלות כלל, אבל אסבול עול השעבוד וזהו לרגל המאלכה וגו'. (רבינו בחיי שם)

ועל זה רמז שלמה הגידה לי שאהבי נפשי איכה וגו' תרביץ בצהרים ר"ל אף אם אוהב נפשי בגלות תגיד לי דרך הטבע מה אעשה להמציא חן בעיני האומות ובאת התשובי' צאי לך בעקבי הצאן לך בדרכי אבות ולמד מיעקב שהכין עצמו לתפילה וזהו ורעי את גדיותיך הבל שאין בו חטא על משכנות הרועים הוא הדורון עדר עדר לבדו ומלחמי' בעצם לא הוזכר כי אדרבה השבעתי אתכם וגו'.

(של"ה דרוש לפי שקלים)

מאבינו יעקב נרדף מפני אחיו יש לנו ללמוד אנחנו בניו נרדפים מבני ישמעאל ופרס שגם שליעקב הובטח מהקב"ה והשיבותיך אל האדמה הזאת כי לא אעזבך עכ"ז ויירא יעקב מאד ויצר לו שכשידע שאחיו בא סבר שמא יגרום החטא כן אנחנו גם שאנו מובטחים מפי הנביאים שהעכו"ם לא יוכלו לעשות כליה חיו עכ"ז כשהם בכעס עמנו אין לנו להמנע מלעשות כל השתדלות עבור הצלתנו. ראשונה **להשפיל עצמנו לפניהם** ולא להתגדל בארצותם בשום דבר ובפרט במלבושים ובתים מלאים במצעות מכובדות ובדרכים ובשווקים, נדע כי אנו בגלות והם אדונים לנו שעם הענוה מתפיים מדת הדין ובי"ד של מעלה שהוא בעזר אומות העולם. כמו שנצח יעקב אבינו אל מלאך שרו של עשו שנאמר ויאבק איש עמו, כיון שאומר שנתאבק בעפר א"כ הלא נפל לארץ תחת יעקב, ואצל הענוה והשפלות עם האומות צריך **להתפלל לבורא יתברך עבור הצלתנו.** ומלבד זה צריך לעשות צדקה לעניים, ואם לא, יוצרך לעשות מנחה לעשו, א"כ נעשה ברצון טוב המנחה לעניים שלנו שלא יבא נסיבה שתאנום אותנו לעשות מנחה גדולה לעשירי אוה"ע למען ידברו עבורינו ליועצים ושופטים בארץ חיו. (מעבר יבק וישלח)

# קול קורא

**מאת מרן הגה"צ ר' מיכאל דוב וויסמאנדל זצ"ל**

**שכתב בשנת תש"ח בעת הקמת מדינת הציונים**

דאס זעננען דיע זעלביקע "שטאטסמעננער" וואס זיך אקעגען געשטעללט האבען ירמי' הנביא ווען ער געהייסען האט קאפיטולירען פאר נבוכדנצר הרשע און דאס בית המקדש איז דאס ערשטע מאל חרב געווארען, דאס זעננען דיע זעלביקע "שטאטסמעננער" וואס זיך אקעגען געשטעלט האבען ר' יוחנן בן זכאי וואס ער האט געהייסען קאפיטולירען פאר טיטוס הרשע און דאס בית המקדש איז דאס צווייטעמאל חרב געווארען. דאס זעננען דיע זעלביקע "שטאטסמעננער" וואס זיי שטעללען זיך אקעגען שוין פופציג יאהר געגען טויזענדע רבנים, גאונים און צדיקים און וואס ווילען נישט קאפיטולירען – "בים ניט ח"ו דער לעצטער איד אויך אין אמעריקא נישט לעבען ווירד", - אפי' דאס ברשעותטע דייטשלאנד האט מעהר שכל געהאט פון זייא און האט נאכגעגעבען בעפאר מאן גאנץ דייטשלאנד אויסהרגענען זאלל.

דאס זעננען דיע זעלביקע "שטאטסמעננער" וואס זיי האבען מבזה געוועזען א הייליגע שבועה פון השי"ת פאר אידען אין גלות וויע אונזערע הייליגע חכמים אין מס' כתובות דקי"א זאגען, דאס דער אייבערשטער ב"ה האט בעשווארען אידען אין גלות דאס זייא ניט אין איינעם פערזאמעלט און מיט געוואלט געהען זאללען אויף ארץ ישראל. אפילו ווען זיי מיינען דאס בדרך הטבע כח פארהאנדען איס, און דאס זיי זאללען ניט מורד זיין אקעגען דיע אומות און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אידען ווען איהר ווערט איינהאלטען דיע שבועה דאנן איס גוט ווען ניט וויל איך הפקר מאכען אייער פלייש ח"ו וויע דאס פלייש פון חיות אין דיע פעלדער. אזוי שטעהט אין דיע הייליגע גמרא און אזוי שטעהט באריכות אין אגרת תימן פון רמב"ם אין ספר באר הגולה אין הייליגען ספר אהבת יונתן און אין ספר תורת משה פון חתם סופר זי"ע.

עס איס ידוע דאס כמעט אללע גאונים און צדיקים אין אייראפא בשעת הגזירה געזאגט האבען דאס דיע ביטערע גזירה איס געקוממען וועגען דיע ביטערע כפירה פון דיע ציוניזם געגען דער הייליקע שבועה קעגען דעם עיקר פון ביאת המשיח פונקט אזוי וויע אין שנת תתנ"ו דיע גזירות געקומען זינט וועגען דעם משיח שקר אדער ויע דיע דאמאליקע צדיקים רבותינו בעלי התוס' שרייבן, און פונקט אזוי וויע אין שנת תקל"ו דיע גזירות געקוממען זינד וועגען שבתי צבי אונד פרענקען וויע דיע דאמאלטיקע צדיקים זי"ע שרייבן.

אידען, רחמנים בני רחמנים, ווילאנג זאלל נאך טייער, הייליג, אידיש בלוט פליעסען, עד מתי?

דיע איינציגע עצה איסט:

א) מיט א מאסענשטורם צוא פערטרייבען דיע דאזיקע "שטאטסמעננער" פון דער אידישער פיהרונג.

ב) מוחל צוא זיין אויף דעם פערלאנג אויף א אידישע מלוכה.

ג) אנצונעממען דיע אמעריקאנישע פערמיטלערשאפט.

ד) צוא בעטען די אומות צו עפענען אללע טארען פיר איינוואנדערונג אבער נישט נור דיע טארען פון פאלעסטינא.

ה) צוא בעשטימען פריעדליכע, ניט-ציוניסטישע, רעליגיעזע פערזענליכקייטען אין ארץ ישראל, און באזונדערט פונע'ם אלטען ישוב, צוזאמען מיט עהנליכע פערזענליכקייטן פון אנדערע לענדער, וועלכע זאלען פנים אל פנים פערהאנדלען אן פריעדליכען אויסגלייך הן מיט ענגלאנד און הן מיט די אראבער.

אוודאי איס יעדער איד מחויב מתפלל צוא זיין צוא השי"ת וויל קיין אנדערער וועג איז נישט פארהאנדען, אבער מען קענן ניט זיין א "גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי". מענן קען נישט בעטען דעם אייבערשטען דאס ער זאלל איינעם בעגליקען מיט א גוטעם מאכל אן יום כפור ח"ו. מען קענן ניט זיין א טובל ושרץ בידו. מען מוס בעטען דען אייבערשטען ער זאלל מעביר זיין דעם ביטערען ציוניסטישען אפיקורסות פון דער וועלט און ער זאל אונס באלד אליין אויסלייזען ע"י משיח צדקנו במהרה בימנו.

אז איינער אין תפיסה איינגעזעטצט ווירד, קענן ער פון דארטען הערויס, נור דאמאלט, ווען דער ענד פון זיין טערם קומט, אדער ווען ער נאך פריער בעגנאדיגט ווירד, פון דעם מלך אדער פון דעם פרעזידענט, וויל ער האט זיך גוט אויפגעפיהרט.

ווענן ער אבער מיט אייגינע כוחות פון דער תפיסה ענטלייפט און די פאלים קעטשט איהם, ווירד זיין תפיסה נאך לענגער און נאך ערגער, א חוץ דיע מכות, וואס ער חאפט בעת דעם קעטשען.

אידען, מאמינים בני מאמינים! קינדער או אייניקלעך פון אידען און אידענעם וואס זינט דרייאונדהאלב טויזענדיאהר דורך אללע לענדער, דורך אללע גליות, דורך אללע פייערען, דורך ימים פון בלוט און טרערען געגאנגען זענען, אום די איינציקע ירושה, פון אונס פור אייך, פיר ישראל, פיר גאטט, צוא דערהאלטען די איינציקע, דיע טייערע ירושה, אונזער גערעכטע, ריינע, גאלדענע, און הייליקע תורה, אידען מאמינים בני מאמינים, רחמנים בני רחמנים, האטס נאמנות פיר דער הייליקע ירושה, האבטס רחמנות אויף אייך, אויף אייערע ווייבער אויף אייערע קינדער און אויף דעם גאנצען כלל ישראל.

מיר זענען אין דער תפיסה פון דעם ביטערען גלות פון השי"ת געשיקט געווארען, וועגען דיע זינד פון אונזערע פעטער, און דער אייבערשטער האט אויף אונס גוזר געוועזן דאס גלות מקבל צו זיין באהבה בים די צייט קומט, אדער בים ער, דער מלך מלכי המלכים אונז בעגנאדיגען ווירד, וויל מיר וועלען תשובה טון. ווען מיר אבער פון דער תפיסה מיט אייגענע כחות ענטלויפען ווילען, דאנן קעטשט אונז דער

אייבערשטער, ווי אונזערע חכמים ז"ל אונז זאגען, און דיע תפיסה ווירד בעו"ה נאך ערגער און נאך הערטער. כמה פעמים אין דער אידישע געשיכטע האט אונז דער אייבערשטער געקעטשט ביי משיחי שקר, אין שנת תתנ"ו און אין שנת תקל"ז עס איז אבער נאך ניע אזוי א ביטערער משיח שקר געווען ווי דער ציוניזם און נאך קיינמאל האט אונז דער אייבערשטער אזוי ביטער געקעטשט ווי איטצט בעו"ה. אז מיר פון דער תפיסה הערויס ווילען מוססען מיר דורך תשובה און מעשים טובים דורך שמירת שבת, טהרת משפחה אונד תלמוד תורה בעטען דען מלך אין הימעל ב"ה, דאס ער זאל אונז בעגנאדיגען.

דאנן מיסען מיר אבער פאר אללעם וויסען, דאס נאך קיינמאל אין דער אידישער היסטאריע, אפי' אין די צייטען פון ירבעם און אחאב, אזעלכע ביטערע פושעים, אזעלכע פינסטערע אפיקורסים דער אידישע קאפף געוועזען זינד וויע היינט, - ווי קען מען אזוי א טמא'נעם קאפף אויף דעם הייליקען אידישען גוף געהען פאר דעם אייבערשטען און בעטען פון איהם רחמנות, הגם לכבוש את המלכה עמי בבית, דארום טייערע אידען, האטם רחמנות, מאכט אייער קאפף רייניג און הייליק, ווארפט הערויס יעדע קליינסטע ציוניסטישע השפעה פון דעם קאפף פון כלל ישראל און בעטעט דעם אייבערשטען בתפלה ובתחנונים בתשובה ובמעשים טובים דאס ער אליין זאלל אונז אויסלייזען הוא ולא אחר, באלד און גיך בקדוש שמו הגדול.

**אולם גלוי וידוע לכל רואי האמת שכל ההתגברות ומקור הצרות לרבות סכנת המלחמה כל זאת באתנו אך ורק כתוצאה מקיומה של אותה מדינה הציונית, שאין בה חפץ ותועלת לא להבוי"ת ולא לכנס"י, ואדרבה היא שגרמה כל הצרות והחורבנות ועקירת הדת והתוהי"ק ר"ל, והממשלה הציונית היא שהציתה חרון אפם של הערביים בהתגרות עמהם באופנים שונים, ולולא קשיות ערפם של מושלים הרשעים מעיקרא לא הי' ולא נהי' כל סכנת המלחמה. וגם עכשיו אילו היו מוותרים על מדינתם ועל ממשלתם היו מסירים בלי ספק חרון אף ה' מישראל, ולא בא עלינו כל הצרה הזאת מסכנת המלחמה והריגת נפשות ישראל, ובכל רגע ורגע שמחזיקים במדינתם ובממשלתם מנאצים את הבוי"ת בהעברה על השבועות ובהתגרות ומרידה באומות שאסרה התוהי"ק והתרה עלינו בעונש חמור על עבירתן כאמרז"ל הריני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה. וקי"ו בממשלת זדון ומלכות מינות כזאת, אין לשער גודל הקצף והחרון אף ר"ל שמעלים על ישראל, והי' ירחם.**

(על הגאולה ועל התמורה סי' מ"ד)

בס"ד

# עת צרה היא ליעקב

**והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח ואמרת על השמועה כי בא ונמס כל לב** (יחזקאל ל"א)

קול נהי נשמע מציון איך שודדנו, הלא תצילנה אזנינו מתוך שמועות קשות המגיעות אלינו מאחינו שבארץ ישראל, בפתע פתאום עלה המות בחלונינו, ונפלו כעשרים נפשות נקיות בישראל לעיני השמש, נפלו ביום קרב במיתה משונה כנבלי חרס, יחד עם מאות נפצעים שהוכו וניזוקו בפצע וחבורה ומכה טריה, המקום ירחם עליהם, מי יתנה תוקף צרתן של מאות משפחות יקרות, הללו מתאבלים מרה על מות יקירם בדמי ימים, בהשאירם אלמנות ויתומים ואבות שכולות, והללו עיניהם צופות ביגון על בני משפחותיהם המתפתלים ביסורי אנוש ובחלאים מרים, הוי ואבוי!

צדו צעדינו מלכות ברחובותינו, ואין זה חדש כי זה יותר משבעים שנה שכבר נהרגו שם מאות ואלפים ר"ל, דם ישראל נשפך כמים, ואין רגע בלי פגע ה' ירחם. ואנחנו בנ"י מאמינים יודעים כי אין מיתה בלא עוון, ורק החטא ממית, והוא התפשטות דיעות הכוזבות לכפור בגלות מן השמים, למרוד בגזירת שעבוד מלכיות שנגזר עלינו, לכפר על עונותינו, וכמו שאחכז"ל אם אתם מקיימים את השבועות מוטב ואם לאו אני מתיר את בשכרם כצבאות וכאילות השדה רח"ל. קול צעקת ויללות אחנב"י עולה עד לב השמים מרוב ההרוגים ה"י.

**אי לזאת נקבע יום רביעי פרשת שופטים ער"ח אלול הבעל"ט**

# ליום תפלה ובקשת רחמים

להתאסף בבתי מדרשות להפיל תחינה ובקשה לאבינו שבשמים, לעורר רחמים על ביטולה של המדינה הציונית מן העולם, ולהעתיר בתפילה לשומר ישראל שיתננו לחן ולחסד בעיני האומה היושבת שמה, ויטה לב המלכות עלינו לטובה.

ואנו קוראים בזה אל הרבנים הגאונים מנהיגי הקהילות שליט"א שידרשו לעדתם בימים האלה להזכיר את הנשכחות את יסודות האמונה בגלות מן השמים וגאולה מן השמים, ובנ"י בכל מקומות מושבותיהם מקבלים עול הגלות באהבה ומצפים לישועת ה'.

ובקרוב נזכה ליתגדל ויתקדש שמיה רבא וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה בביאת משיח בן דוד במהרה דידן.

**ער"ח אלול תשס"ג**

**היהדות הנאמנה**